# זקניך ויאמרו לך

ת"ת תורה ויראה דרבינו יואל דסאטמאר • בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א • פה ק"ק קרית יואל יצ"ו

בעזהשי"ת — גליון קפ"ד – בלק תשע"א לפ"ק — כיתה ז'


תתתתקמט) עס דערציילט מיין עלטער פעטער
## הרה"ג ר' יוסף דוב פישער שליט"א

מיין טאטע הרה"ח ר' שמשון ע"ה איז געווען שטארק מקורב **ביי הרה"ק רבי שלום דוד אונגאר זצ"ל האדמו"ר מזאבנא** (אן איידעם ביי הרה"ק רבי משה מראזוואדאב זי"ע) און ער האט זוכה געווען צו זיין אנוועזנד בשעת פטירתו לחה"ה.

מעשה שהיה, יענע נאכט פון זיין פטירה האט ער געדאווענט מעריב מיט א גרויסן ציבור, אנקומענדיג צו די ווערטער "השם נפשינו בחיים", האט ער זיך אנגערופן "עד כאן, מער פון דעם קען איך נישט". און ער האט געהייסן יעדן ארויסגיין פון צימער.

ווען ער האט געזעהן ווי מיין טאטע גייט אויך ארויס, האט ער אים צוריק גערופן "נישט דיך האב איך געמיינט". און מיין טאטע איז דארט געבליבן אין צימער, און געווען בשעת יציאת נשמה. (אליקים פישער)

תתתתקנ) עס דערציילט אונזער עלטער באבע תחי' אשת
## הרה"ח ר' אלתר יחזקאל גליק הי"ו

אין די שטעטעלע ווי מיר האבן געוואוינט אין דער אלטער היים, האט מען נישט געוואוסט פון די אלע זאכן פון היינט, מיר האבן פשוט געלעבט אויף ברויט און וואסער.

אויף נאכטמאל פלעגט מיין מאמע ע"ה מאכן לעקוואר (דושעם) דאס האבן מיר אליין געמאכט אינדערהיים פון אויסגעטריקנטע פרוכט, מ'פלעגט דאס מאכן צוויי-דריי מאל א יאר, און עס איז געווען גענוג אויפן גאנצן יאר. מ'האט דאס אנגעשמירט אויפן ברויט און מ'האט עס אזוי געגעסן.

זיי האבן געהאט א קליין שטיבעלע פאר די געסט, אסאך מאל האט זיך געמאכט אז עס זענען געווען גנבים צווישן די אורחים, און דעם קומענדיגן טאג נאכדעם וואס אזעלכע 'געסט' זענען געווען ביי אונז האבן מיר נישט געהאט וואס צו עסן אויף נאכטמאל, אבער דאך זענען מיר געווען בשמחה אז מיר האבן כאטש מהנה געווען דערמיט א איד. (לוי יצחק גליק)

תתתתקנא) עס דערציילט אונזער באבע תחי' אשת
## הרה"ח ר' יעקב אקער הי"ו

מיין זיידע איז געווען הרה"ח ר' אברהם פאלאטשעק ז"ל.

ער האט געהאט א גרויס געשעפט, און זיין אינגסטע טאכטער האט דארט געארבעט. אין דעם געשעפט האט מען עפ"י רוב פארקויפט עסן, און נאך אנדערע זאכן. דער זיידע רבי אברהם איז איבערן טאג געזעסן און געלערנט ביינאכט פלעגט ער אריינקומען אין געשעפט און ער האט איבערגעקוקט די חשבונות, ער האט געקוקט די נייע סחורה וואס איז אריינגעקומען, און דאס האט זיך געקענט פארציעהן ביז 12 אזייגער ביינאכט.

איינמאל זיצנדיג ביינאכט אין געשעפט הערט ער שטארקע קלאפן אויפן טיר, קודם האט ער זיך זייער דערשראקן, אבער ער האט זיך געשטארקט און געגאנגען עפענען די טיר. עס קומען אריין צוויי גוים מיט פארמאסקירטע פנימ'ער נאר זייער רציחה'דיגע אויגן האט זיך ארויסגעזעהן און זיי זאגן אים "אויב דאס לעבן איז דיר טייער גיב אהער דיין גאנצע געלט".

דער זיידע האט פארשטאנען אז זיין לעבן איז אין א סכנה, ער האט אנגעהויבן צו זאגן שטילערהייט תהילים, און ער האט אנגעהויבן צו גיין אריין טיף אין

געשעפט, אנקומענדיג צום פלאץ וואו עס ליגט די פעפער האט ער אנגעפולט זיין האנט מיט פעפער און באלד זיי געווארפן אין די אויגן אריין, און ער איז ארויסגעלאפן אויפן גאס און אנגעהויבן צו שרייען מיט קולות.

אסאך מענטשן זענען געקומען צולויפן הערנדיג די קולות, און מ'האט גערופן די פאליציי וואס האט ארעסטירט די צוויי פארברעכער.

די מעשה איז דאן באריכטעט געווארן אין די צייטונגען, און איבעראל האט מען באוואונדערט די חכמה פונעם זיידן ווי אזוי ער האט זיך אן עצה געגעבן מיט די צוויי רוצחים. (חיים צבי אקער)

תתתתקנב) עס דערציילט מיין זיידע
## הרה"ח ר' משה פאגעל הי"ו

איך האב געהערט פון מיין פאטער ז"ל צוויי מעשיות פון הרה"ק בעל דברי יחזקאל משיניאווע זי"ע.

ער האט געהערט פון זיין רבי'ן **הרה"ג ר' מנחם מענדל שיק זצ"ל אב"ד סיקס** (ביי וועמען ער האט געלערנט איידער ער איז געפארן לערנען קיין מונקאטש) אז ווען ער איז געווען אין שיניאווע, האט ער געזעהן ווי דער הייליגער שיניאווער רב כאפט זיך אן די פיאות און ער זאגט "אוי ווי, מ'גייט אונז אריינפירן אין א שער, מען האט דער שער נישט געטרויעט פאר תנאים ואמוראים, און מיר ווען דאס מוזן דורכגיין"...

(זיין כוונה איז געווען אז דאס כלל ישראל וועט מוזן אריבערגיין דעם שער הנ' פון טומאה, וואס דאס איז כפירה און אפיקורסות. ועי' בספה"ק דברי יואל (פר' וארא) בשם הרה"ק מרוזין זי"ע בהסכמתו לס' באר הגולה "ובגלות האחרון בעיקבתא דמשיחא יהי' נפתח שער הנו"ן שבטומאה שהיא מינות ואפיקורסות". ועי' באוהחה"ק וואס שרייבט אז ווען משיח צדקינו וועט קומען וועלן אידן זיין בשער הנ' שבטומאה, און דאך וועט מען קענען ארויסגיין דורך דעם כח התורה הק').

נאך האט מיין טאטע ז"ל דערציילט אז איינמאל דאנערשטאג נאכט איז דער שיניאווער רב אריינגעקומען אין ביהמ"ד און געזאגט בזה"ל: יעצט איז געבוירן געווארן א שגץ, אידן זייט מתפלל אז ער זאל נישט אויפוואקסן, ווייל ח"ו אויב וועט ער אויפוואקסן וועט ער טון גרויסע רשעות פאר אידן.

מיט די יארן איז מען געוואויר געווארן אז דעמאלטס איז געבוירן דער רשע היטלער ימש"ו. (שמעי' ברוך גאלד)

תתתתקנג) עס דערציילט אונזער עלטער זיידע
## הרה"ח ר' אליעזר פרענקל הי"ו

עס איז געווען אין די מלחמה יארן זייענדיג אין לאגער איז נישט געווען וואס צו עסן, בפרט איז זייער שווער געווען מקיים צו זיין מצות.

ווען עס איז געקומען דער יו"ט פסח האבן מיר זייער געוואלט האבן מצות אויף פסח. איך האב געהאט א חבר וואס האט געארבעט אין קאך, און איך האב אים געבעטן אז ער זאל פרובירן ארויסצושווערצן אביסל מעל פון קאך.

א טאג דערויף איז געלונגען פאר מיין חבר ארויסצוברענגען א גאנץ פעקל מעל, אנדעם וואס די רשעים זאלן דאס בכלל באמערקן.

ביינאכט ווען דער גאנצער לאגער איז שוין געשלאפן האט דער זיידע צוזאמען גערופן אלע ערליכע אידן, און ער האט געברענגט צוויי ציגל מיט אביסל האלץ און אנגעצינדן א פייער און ער האט צוזאמען געמישט די מעל און וואסער ביז ווען עס איז געווארן א טייג.

מ'האט געטראפן א גלאטן פלאש וואס מיט דעם האט מען געוועלגערט, נאכדעם האט מען גענומען א נאגל און מיט דעם האט מען געמאכט לעכער אין די טייג, נאכדעם האט מען דאס ארויפגעלייגט אויף די ציגל און מ'האט דאס אפגעבאקן, אזוי האט מען געהאט כשר'ע מצות אויף פסח.

דער זיידע איז אהיים געקומען מיט די גאנצע משפחה נאך די מלחמה. (שמואל יצחק מייזעלס)

**תתתתקנד) עס דערציילט אונזער באבע תחי' אשת**

## הרה"ח ר' שמואל יודא פעלבערבוים הי"ו

מיין טאטע הרה"ח ר' משה דאסקאל ע"ה איז געווען א שוחט, ווען די רשעים ימ"ש זענען אריינגעקומען אין די שטאט וואו ער האט געוואוינט האבן זיי געזוכט אלע חשוב'ע אידן פון די שטאט, און זיי זענען אויך אריינגעקומען אין זיין הויז און אים געזוכט.

ער איז אריינגעקראכן אונטער א בעט און זיך דארט באהאלטן. עס איז געווען א פלא אז די רשעים האבן דורכגעזוכט דאס גאנצע הויז, אבער אונטערן בעט האבן זיי נישט געזוכט.

ווען די רשעים זענען אוועק געגאנגען האט ער זיך באהאלטן אין א בונקער אונטערן הויז און אזוי איז ער ניצול געווארן. (אלי' פארקאש, אברהם הערש גפן)

**תתתתקנה) עס דערציילט מיין באבע תחי' אשת**

## הרה"ח ר' יושע פערל הי"ו מאנטריאל

ווען רביה"ק **בעל דברי יואל** זי"ע איז געווען אין ארץ ישראל בשנת תשכ"ה לפ"ק איז ער כמעט קיינעם נישט געגאנגען באזוכן, אויסער געציילטע גאר חשוב'ע רבנים, צווישן זיי מיין חשוב'ער עלטער זיידע **הגה"צ המקובל רבי ישעי' אשר זעליג מרגליות זצ"ל**.

דער זיידע האט געהאט א האלצערנעם בעט, וואס איבערן טאג פלעגט ער זיצן און לערנען אויף דעם בעט. דעמאלטס ווען דער רבי איז איהם געקומען באזוכן איז דער רבי געזעסן אויף יענעם בעט.

עטליכע יאר שפעטער נאך די פטירה פון מיין זיידן ז"ל, בין איך געשלאפן ביי די באבע ע"ה, דעמאלטס האב איך געהאט די זכי' פאר פינף יאר צו שלאפן אויף דעם בעט וואס דער רבי ז"ל און דער זיידע ז"ל זענען געזעסן דערויף. מיין באבע פלעגט מיר כסדר בעטן אז איך זאל קומען שלאפן אויף א באקוועמערע בעט, און נישט שלאפן אויף דעם האלצערנעם בעט. איך האב אבער נישט געוואלט שפירנדיג די זכי' צו שלאפן אויף אזא הייליגע בעט. (משה נתן נטע פערל)

**תתתתקנו) עס האט דערציילט מיין עלטער זיידע**

## הרה"ח ר' שלמה מנשה פאלקאוויטש ע"ה

דער רבי מרן רביה"ק **בעל דברי יואל** זי"ע האט אינזינען געהאט דעם חינוך פון זיינע תלמידים אויף א געוואלדיגן פארנעם, און עס איז אומבאגרייפליך ווי ווייט ער האט זיי געטראגן על לוח לבו, און אינזינען געהאט מיט יעדע קלייניגקייט.

געווען איז דאס ווען עס איז נאך געווען א סאטמארע תלמוד תורה אין קראון הייטס, און דער זיידע איז דארט געווען א מלמד. איינמאל ל"ג בעומר האבן די קינדער געדארפט פארן אויף א טריפ, אבער עס האט זיך נישט אויסגעארבעט, און מען האט נישט געקענט פארן איז די זאך נתבטל געווארן.

עס איז אזוי אריבערגעלאפן עטליכע וואכן און מען האט זיך שוין געגרייט צו פארן אינעם קעמפ, פלוצלונג באקומט דער זיידע א ידיעה אז דער רבי זי"ע לאזט אים רופן.

ווי נאר ער איז אריבערגעקומען צום רבי'ן פרעגט אים דער רבי אויב מען האט שוין אפגעגעבן פאר די קינדער דעם טריפ וואס מען איז זיי שולדיג געבליבן. דער זיידע איז געבליבן שטיין פארגאפט הערנדיג וואס דער רבי האט אינזינען, און וואס עס ליגט אויף זיין הייליגע מחשבה, און ער האט געענטפערט אז ניין, ווייל בשעת מעשה האט זיך עס נישט אויסגעארבעט, און מען האט שוין אינגאנצן מסיח דעת געווען דערפון און יעצט טראכט מען שוין נאר פון פארן אין קעמפ און מען קלערט שוין נישט פון דעם טריפ.

דער רבי האט נישט געוואלט הערן פון גארנישט, און ער האט געזאגט פארן זיידן ע"ה אז אויב האט מען געהאט צוגעזאגט פאר די קינדער צו פארן אויף א טריפ דאן זאל מען דאס זיי אפגעבן, אז די קינדער זאלן זיך אויסלערנען אז מען פירט אויס יעדע צוזאג וואס מען האט זיי מבטיח געווען... (יודא פארגעס)

**תתתתקנז) עס דערציילט מיין טאטע**

## הרה"ח ר' יודא ביקעל הי"ו

ער האט געהערט פון א היימישער אינגערמאן וואס ער האט ל"ע נישט געהאט קיין קינדער, און כאטש דייער אסאך אידן וואס זענען זקוק לישועה פארן קיין מירון צום קבר פונעם תנא האלקי רבן שמעון בר יוחאי און זיי בעטן זיך דארט אויס פאר זש"ק, האט ער אבער נישט געוואלט פארן קיין ארץ ישראל, וואוסנדיג אז עס איז נישט געווען דער רצון פון רביה"ק **בעל דברי יואל** זי"ע, צוליב דעם וואס ווען מ'פארט קיין ארץ ישראל איז זייער לייכט נכשל צו ווערן אין מחשבות פון מינות ר"ל, און בעצם איז יעדע עבירה וואס מ'טוט אין ארץ ישראל פיל הארבער ווי אין חו"ל.

איז ער ארויפגעגאנגען צום ציון הק' אין קרית יואל און זיך אויסגעוויינט ביים רבי'נס ציון זאגנדיג אז ער האט נישט קיין קינדער, און ער האלט זיך צוריק פון צו פארן קיין ארץ ישראל, נאר צוליב זיין התקשרות צום רבי'נס דעת תורה, בעט ער אז בזכות זה זאל אים דער רבי ביישטיין אז ער זאל געהאלפן ווערן מיט א ישועה.

וכן הוה, דער איד האט באלד געזעהן א ישועה, און ביז א יאר איז ער געווען א גליקליכער טאטע. (יוסף אלי' ביקעל)

**תתתתקנח) עס דערציילט מיין עלטער זיידע**

## הרה"ח ר' אשר לעמיל לאנדא הי"ו שו"ב

איך בין אמאל געגאנגען צו רביה"ק **בעל דברי יואל** זי"ע געזעגענען מיט א קוויטל, און איך האב געשריבן דעם קוויטל ביים משב"ק הרה"ח ר' יוסף אשכנזי ע"ה. (זיין יארצייט געפאלט קומענדיגע וואך י"א תמוז הבעל"ט)

שרייבנדיג דעם קוויטל האט ער גערעדט אויפן טעלעפאן, און ווען איך האב אים געזאגט מיין נאמען "אשר לעמיל בן אלה חי'", האט ער נישט אויפגעכאפט דעם נאמען 'אלה' וואס איז א אויפפאלענדע נאמען, און ער האט געשריבן "אשר לעמיל בן חי'".

ווען איך האב איבער געגעבן דאס קוויטל פארן רבי'ן האט זיך דער רבי אפגעשטעלט אויף דעם נאמען, און ער האט איבער געזאגט עטליכע מאל "אשר לעמיל בן חי'". ביז איך האב זיך געכאפט אויפן טעות, און איך בין ארויס געגאנגען און נאכאמאל איבערגעשריבן דעם קוויטל ביים גבאי'ן, און נאכדעם האב איך געגעבן דאס קוויטל פארן רבי'ן און דער רבי האט דאס געהעריג. (ישראל שלום הכהן פריעדמאן)

**תתתתקנט) עס דערציילט אונזער זיידע**

## הרה"ח ר' חיים אלי' טייטלבוים הי"ו

עס האט מיר דערציילט א איד וואס איז בדידי' הוי עובדא, בשעת ווען רביה"ק **בעל דברי יואל** זי"ע איז געפארן קיין ארץ ישראל בשנת תשי"ב לפ"ק, אונטערוועגנס האט מען זיך אפגעשטעלט אין איטאליען, און עס איז געווען א שטיק וועג וואו דער רבי איז געפארן פון איין פלאץ צום צווייטן מיט א באן, און דארט האט זיך דער איד באגעגנט מיטן רבי'ן.

יענער איד האט געהאט א נישט געזונט קינד ל"ע, וואס איז געבליבן אין אייראפע, ווייל די אמעריקאנער רעגירונג האט נישט געוואלט אריינלאזן דאס קינד, און דער איד האט געפרעגט דעם רבי'ן צי ער וויל זעהן א בילד פון דאס קינד.

דער רבי האט געענטפערט "נו..."

דער איד האט אראפגעלייגט דאס בילד אויפן טיש, און דער רבי האט געגעבן א בליק און זיך אנגערופן "איך זע נישט זיינע פיאות"...

דער איד האט נישט פארשטאנען וואס דער רבי מיינט, ווייל אינעם בילד האט מען געזעהן א קינד מיט פיאות. שפעטער איז דער איד אהיינגעפארן און ער האט געזעהן אז די נוירסעס האבן אים אפגעשניטן די פיאות... (יושע פרענקל, שמואל צבי מויזקאפף, משה ארי' פריעדמאן)